# דער קאנאדער איד

THE ISRAELITE — Canadian Jewish Weekly — 796 Main Street.

Vol. III. No. 20 Winnipeg, Thursday, July 4th, 1912. — וויניפעג, דאנערשטאג, י"ט תמוז, תרע"ב.


## ציוניסטישע קאנווענשאן אין אטאווא.

### נעקסטע קאנווענשאן אין וויניפעג.

### רבי כהנוויטש וויים פרעזידענט פון דער פעדעריישאן.

עס מעלדעט אונז מר. א. אסאווסקי אז די קאנווענשאן אין אטאווא איז פערטראטען פון 308 דעלעגאטען. דער ענטהוזיאזם איז אונבעשרייבליך. יעדער רעדנער ווערט זעהר ווארים אויפגענומען. א גרויסארטיגע און ענטהוזיאסטישע אוואציע האט געקראגען ראובן ברינין וועלכער האט געהאלטען אן אויסגעצייכענטע רעדע אין העברעאיש.

חוץ דעם וואס מיר וויניפעגער וועלען זוכה זיין אז די נעקסטע ציוניסטישע קאנווענשאן זאל זיין ביי אונז אין וויניפעג, קענען מיר אויך מיטטהיילען אז אונזער רב רבי י. כהנאוויטש איז ערוועהלט געווארען אלס וויים פרעזידענט פון דער פעדעריישאן.

מיט גרויס ענטהוזיאזם איז אויך אויפגענומען געווארען די ידיעה אז דער קענעדער ציוניזם האט דיזען יאהר געמאכט א גוואלדיגען פראגרעס. דער טאטאל אינקאם פון דער פעדעריישאן איז געשטיגען אויף 105 פראצענט און דערגרייכט די סומע פון 14 טויזענד דאלאר.

די אידען אין אטאווא זיינען אלע יום טוב׳דיג און פילען אן דעם האל וואו די קאנווענשאן קומט פאר. ביים באנקעט וואס איז געגעבען געווארען לכבוד די דעלעגאטען זיינען אנוועזענד געוועזן די פראמינענטסטע מענשען פון אטאווא.

### אויס מאנגעל אין פלאץ

זיינען מיר גענויט געוועזן אויסצולאזען פיעלע ארטיקלען ווי: די געשיכטע פון וויניפעג, א. גארעליק׳ס אן עראינערונג, אן אבהאנדלונג איבער „הירצל אלס מענש און פאליטיקער" פון הלל צייטלין, די הומאריסטישע אבטהיילונג „שבת אויבס" און פיעלע אנדערע. מיר בעטען ביי די שרייבער ענטשולדיגונג.

א ספעשיל קייבעל צום „מארגען זשורנאל" מעלדעט אז דער אידישער בילדונגס פעראיין פון מאסקווא האט בעשלאסען צו גרינדען א אידיש נאציאנאלען מוזעאום מיט בראנטשעס אין איינינע שטעדט אין דער „טשערטא".

## דר. טהעאדאר הירצל.



מארגען, פרייטאג, כ' תמוז, ווערט זיבען יאהר זייט דער גרויזאמער טויט האט פון דעם אידישען פאלק אוועקגעריסען זיין גרויסען נאציאנאלען העלד דר. טהעאדאר הירצל.

## שרעקליכער חורבן אין רידזשיינע.

### ניין און צוואנציג טויט.

### דער אומגליק האט מעהר געטראפען די ארימערע.

לעצטען זונטאג האט אין רידזשיינע, סעסק. פאסירט עטוואס שוידערליכעס, עטוואס אונגלויבליכעס: דריי מינוט בלויז האט א שטורם ווינד בעזוכט די שעהנע „גארטען שטאדט" און האט פון איהר געמאכט א תל. פון הונדערטע הייזער, שעהנע פראכטפאלע מויערען איז געווארען א הויפען שטיינער, טויזענדער מענשען זיינען געבליבען היימלאז. דער שאדען ווערט געשאצט אין איבער 8 מיליאן דאלאר. אהן טויטענפעלע האט אזא אומגליק געוועהנליך ניט געקענט פארביינעהן, אבער די ריכטיגע צאהל טויטע איז נאך ניט בעוואוסט. דערווייל זיינען פאראן 29 טויטע, אבער מען דענקט אז די צאהל פון די הרוגים זאל גרייכען ביז 50 און מעהר.

דער הויפט אומגליק האט פאסירט אין דעם געגענד וואו עס וואהנען די ניט לאנג אריבערגעקומענע, די אימיגראנטען און די ארימע קלאס. די גאווערמענט פון מאניטאבא און פון אנדערע פראווינצען האט געשיקט פינאנציעלע שטיצע פאר די פעראומגליקטע.

## די מאנטרעאלער סטרייקער בעטען שטיצע.

פארינען שבת איז פארגעקומען א ריעזיגע דעמאנסטראציאן אין מאנטרעאל פון 5000 סטרייקער. דיזע ריזען ארמעע האט שוין אפיסעל מעהר צושרויפט די קעפלעך פון די באסעס. דערווייל אבער איז עס שוין די דריטע וואך זייט דער סטרייק געהט אן, דער קאמיטעט האט זיך דערום געווענדעט מיט אן אויפרוף צו אלע ארבייטער און סימפאטייזער פון די סטייטס און קענעדא זיי זאלען העלפען געווינען דעם סטרייק מיט זייער פינאנציעלער שטיצע.

די וויניפעגער ארבייטער וואלטען בעדארפט זיין איינע פון די ערשטע זיך אבצורופען אויף דעם אפיעל.


### ערשטער אידישער ריעל עסטייט אפיס אין דער נארד ענד.

ווער עס האט הייזער אדער לאטס צו פערקויפען, אדער ווער עס וויל קויפען; ווער עס וויל ביטען לאטס פאר הייזער אדער פארמס, זאל זיך ווענדען צו

### ב. ראבינסאן און זאהן

אין 1-2 292 סעלקירק עווענוי — פהאן סט. דזשאן 2445

נעמען אן הייזער צו פערענטען און רענטען. שבת געשלאסען, זונטאג אפען

רעזידענס 539 פריטשארד עווענוי — פהאן סט. דזשאן 737

קאנטראקטארס און בילדערס.

42)

אונזער נאמען איז אייך א גאראנטיע פאר רעאלע ביזנעס.



### Canadian Northern Railway.

קליינע פרייזען אויף טיקעטס פיר זומער רייזעס.

יעצט די צייט צו פאהרען ארום די טייכען

נעהמט די

„קעפיטעל סיטיס עקספרעס"

אדער

„דהי אלבערטא עקספרעס" קיין וויניפעג

און די

„לייק סופיריאר עקספרעס" קיין פארט ארטהור.

פאר אינפארמיישאן, טריין און סטימשיפ בעדינגונג, פרעגט נאך ביים נאהענטסטען אגענט פון דער סי ען אר אדער שרייבט צו

R. CREELMAN, General Passenger Agt., Winnipeg.

זעהט אטרוביץ׳ס אדוו. אויף פייזש 7.



### נ. סגל׳ס בעקעריי

איז דאס איינציגע פלאץ, וואו ברויט, בולקע ווערט געבאקען ריין און זויבער. ברויט ווערט אויך דעליווערט צו הויז. טעלעפאנירט אב סט. דזשאן 1488 אדער קומט אין

510 סעלקירק עווענו.



צו פעררינגען א סטאר אויף מיין סטריט, נארד, מיט סטים היט, הייסע וואסער און א גרויסען בייסמענט נאכפרעגען אין 703 מיין סטריט, דאמיניאן טיקעט אפיס.



דער טעלעפאן נומער פון „איד" איז סט. דזשאהן 2213



EST. 1879

ALLOWAY & CHAMPION

### אויב איהר דענקט אהיים צו פאהרען.

עס מאכט ניט אויס מיט וועלכער שיף, מיר קענען אייך צופריעדענשטעלען. מיר זיינען אגענטען פאר די גרעסטע און בעסטע שנעל שיף קאמפאניעס. אונזערע אידישע בעאמטע שטעלען זיך גערן צו אייער דיענסט צו געבען אייך אלע אויסקינפטע וועגען אייער רייזע. מיר האלטען שטענדיג אין אונזער קאסע א גרויסע סומע רוסישע, עסטרייכישע און פרעמדע געלדער און פערקויפען צו מעסיגע פרייזען. געלד געשיקט אין אלע וועלט טהיילען.

אללאוועי און טשעמפיאן — בענקערס און בראקערס

AC · 362 & 667 MAIN STREET · AC



דזשאב פרינטינג אין אלע שפראכען ווערט אנגענומען אין אפיס פון „איד", 796 מיין סטריט.

# לעזט און סובסקרייבט זיך

## אויף

# דעם איד

מיר בעטען ביי קיינעם קיין שטיצע נים, מיר האבען דאס נים פערלאנגט זיים די צייטונג עקזיסטירט, דאס איינציגע וואס מיר בעטען אייך יא, איז, ווערט סובסקרייבער און בעצאהלט אייער סובסקריפשאן געלד.

א דאלאר שפיעלט ביי קיינעם קיין גרויסע ראלע נים; א דאלאר הייסט אזוי גוט ווי צוויי סענט א וואך. און וואס פאר א ווערטה האט ביי א אידען 2 סענט א וואך? ווער שמועסט ווען איהר ווייסט אז דורך אייער סובסקריפשאן געלד ווערט געשטיצט און אויפגעהאלטען א אידישע צייטונג פאר דער וועסט.

דער „איד"

איז נים קיין פארטייאישע צייטונג, זי בעלאנגט נים צו קיין פארטיי, זי פערלאנגט נים קיין שטיצע פון פארטיי געלדער. די צייטונג מוז זיין אן אונפארטייאישע, אום אמת צו דיענען די אינטערעסען פון איהרע לעזער און עס איז נים מעהר ווי רעכט אז די, וועלכע האבען שוין איינגעזעהען די נויטווענדיגקייט פון א אידישער צייטונג אין דער וועסט, אז די וואס פערשטעהען די נוצען וואס א אידישע אונפארטייאישע צייטונג קען ברענגען, די אידען, זאגען מיר, דארפען דערום זיך סובסקרייבען און ווערען לעזער און פאטראנייזען די צייטונג.

זינט די צייטונג עקזיסטירט שרייבען מיר דאס ערשטע מאל אזא אויפרוף. מיר האבען אימער געדענקט אז דעם אידישען לעזער דארף מען דאס נים זאגען, אז ער קען און דארף דאס אליין פערשטעהן.

---

אלע וויניפעגער אידען ווייסען אז מיר וואלטען געווען פערשפארט צו שרייבען אזעלכע אויפרופען, ווען מיר זאלען געווען וועלען פערקויפען די צייטונג צו א פאליטישען-בינטעל, ווען מיר זאלען געווען וועלען פערקויפען די אינטערעסען פון אונזערע לעזער. מיר האבען אבער די צייטונג בעסער איינגאנצען אבגעשטעלט און נים געוואלט אז זי זאל רעגיערט ווערען פון ארחי פרחי און דערביי זאלען ליידען די אידישע אינטערעסען.

**יעצט איז אונזער איינציגער פערלאנג און איינציגע בקשה אז די וואס ווילען די צייטונג זאל עקזיסטירען, זאלען אליין ווערען סובסקרייבער און אויך זעהען אז זייערע פריינד און בעקאנטע זאלען ווערען סובסקרייבער.**

## ראמאן פון אמעריקאנער לעבען

ווען עס וועט זיך ענדיגען די גרויסע און זעהר אינטערעסאנטע ערצעהלונג „ושיד", וועלען מיר אנפאנגען צו דרוקען א ראמאן, געשריבען פאר'ן „איד" פון דעם ראמאניסט דר. בן גור, אויס נויארק, וואו עס ווערט געשילדערט דאס ארימע, דאס רייכע און דאס אויסגעלאסענע לעבען אין נויארק.

דער ראמאן, נים קוקענדיג דערויף וואס ער איז שפאנענד פון דער ערשטער פארטזעצונג אן, איז א ריכטיג בילד פון דאס לעבען פון די אימיגראנטען אין נויארק, זייערע גייסטיגע און עקאנאמישע ליידען.

מיר, פון אונזער זייט, וועלען טהאן אלעס מעגליכעס אז די צייטונג זאל וואס אמאל בעסער און שעהנער זיין. און יעצט דארפט איהר אויך אנווענדען אביסעל מיה און אונז העלפען אין מאטעריעלען זינען.

**ווערט סובסקרייבער, זעהט אז אייערע פריינד און בעקאנטע זאלען ווערען סובסקרייבער. סובסקריפשאן פאר א יאהר איז בלויז איין דאלאר, צוגעשיקט דורך פאסט $1.50**

**איהר קענט אונז אויך פיעל העלפען דערמיט וואס איהר וועט פאטראנייזען אונזערע אדווערטייזער און ווען איהר קויפט עפעס ביי אונזערען אן אדווערטייזער, זאגט איהם אז איהר האט געזעהען זיין אדווערטייזמענט אין „איד". אויך דאס וועט אייך קיין געלד און קיין מיה נים קאסטען און אונז וועט איהר דערמיט האבען געטהאן א געפעליגקייט.**

אדרעס:

## THE ISRAELITE

**796 Main Street Phone St. John 2213**

אדער

**540 Anderson Ave. Phone St. John 431**

---

אין יעדען נומער „עזות פנים" וועלען קומען דר קארטונס וועגען דעם אלגעמיינעם אין אידישען לעבען אין קענעדא; אין יעדען נומער „עזות פנים" וועלען זיין אבטהיילונגען פאר טאראנטא, מאנטרעאל, וויניפעג א. ז. וו. פון אונזערע קארעספאנדענטען און מיטארבייטער; יעדער נומער „עזות פנים" וועט זיין מיט א רייכען אינהאלט הומאר, סאטירע און וויץ.

ווען מיר וועלען האבען די שטיצע פון אונזערע פריינד, ווען מען וועט אונז העלפען מאטעריעל און מאראליש, וועלען מיר אין גיכען מאכען דעם „עזות פנים" א צוויי אדער איין וועכענטליכען. מיר וועלען איהם פערגרעסערען, פערבעסערען און פערשעהנערען. ס'וועט זיך אן אייך וואס ווילען נים דולדען קיין חניפה, קיין שמיכלעריי און אזוי ווייטער א. וו.

# דער קענעדער

# עזות פנים

**דאס איז דער נאמען פון א נייער מאנאטליכער סאטירישער און הומאריסטישער צייטונג וואס וועט נעקסטען מאנאט ערשיינען אין וויניפעג.**

מיר האבען אין קענעדא קיין איין צייטונג וועלכע זאל האבען מוטה גענוג און זאגען דעם אמת. אלע ניעדערטרעכטיגקייט פון קאפיטאליסטישען געזינדעל, אלע שווינדלען, הומבאג און בודעל פון פאליטישע קנאקערס, אלע געמיינהייטען און בלאף פון אונזערע כלל טהוער, אלץ ווערט פערשוויגען, פערגלעט. דאס האט אונז, טאראנטא'ר יונגע לייט, גענויט צו שטעלען זיך אין פערבינדונג מיט וויניפעגער און מאנטרעאלער פריינד און צוזאמען פרובירען אונזערע קרעפטע אויף ארויסצוגעבען א פרייע צייטונג וואס זאל אין א סאטירישען און הומאריסטישען טאן אויפדעקען פאר די קענעדער אידען אלעס וואס עס קומט פאר הינטער זייער רוקען. מיר זאלען קיינעם נים שוינען און פאר אלעמען דעם אמת דערצעהלען. מיר בעטען אלעמען וואס ווילען אונז העלפען מאטעריעל און מאראליש, אלע וואס פערשטעהען גלייך מיט אונז די נויטווענדיגקייט און די גרויסע נוצען פון אזא צייטונג, זיי זאלען זיך שטעלען מיט אונז אין פערבינדונג.

אונזער אדרעס פאר וויניפעג איז דערווייל צו אונזערע אגענטען, די אייגענטהימער פון פיפלס בוק סטאר

**Der Kanader Asus Ponim 571 Selkirk Avenue**

אלע וואס ווילען אונז צושיקען מאטעריאל אדער ווילען זיך סובסקרייבען, אדער ווילען אונז מיט עטוואס בעהילפיג זיין, זאלען זייערע בריעף אדרעסירען אויף'ן דערמאהנטען אדרעס.

ווער עס קען האלטען אנשטאט א פען אין האנד — א בייטש וואס זאל שמייסען, א נאהייקעלע וואס זאל מיט א שמייץ קענען אראבברייסען די מאסקע פון אונזערע נאט סטראפטשעס, פון אונזערע קאפיטאליסטישע הויט שינדער; ווער עס קען מיט איין פען טינט זאגען א נוצליך און אין דער זעלבער צייט א שטעכיג ווארט — ווער עס קען דאס, זאל זיך שטעלען מיט אונז אין פערבינדונג.

מען האט אימער נור אונז אויסגעלאכט; מען האט שטענדיג אונז אנגערופען היין קעפ, יונגאטשעס, צאסילימטען, נעקריסטען און נאך אזעלכע צונעמענישען. אבער כל זמן מיר זיינען געווען שוואך און קליין האבען מיר פערביסען מיט די ליפען; יעצט איז קענעדא געוואקסען, מיר זיינען געווארען עזות פנים'ער, זאלען זשע אונזערע רייהען זויבער זיין און זאלען מיר וויזען וואו שמוציג איז!

# SOLTLIP PLACE. — סאלטליפ פלאץ.

## אויב איהר ווילט א זיכערע אינוועסטמענט, דאן קויפט לאטס אין סאלטליפ פלאץ.

סאלטליפ פלאץ. איז פערנומען פון א סאב דיוויזשיאן וועלכען נור די פירמע זאלצמאן און ליפשיץ האבען צו פערקויפען.

די פאטאגראפיע, וועלכע איהר זעהט דא איז א ריכטיג בילד פון דעם פלאץ אדער ריכטי־גער, א קליינע טהייל פון פלאץ און ווי איהר ווייסט זאגט דער פאטאגראפישער אפאראט קיין ליגען ניט. עס איז אבער ניט נויטיג איהר זאלט אפילו דעם אפאראט גלויבען ווען איהר פערזענליך קענט זעהן דעם פלאץ. טעלעפא־נירט אונז אב און אונזער רינג אדער אויטא־מאביל וועט אייך צופיהרען צום פלאץ.

סאלטליפ פלאץ איז 15 מינוטען רייזע פון אונזער אפיס 872 מיין סטריט




ארום סאלטליפ פלאץ וואהנען נאהענט פון 600 ענגלישע פאמיליעס. האט א סקוהל און פיעלע סטארס.

סאלטליפ פלאץ איז דער מיטעלפונקט צווי־שען וויניפעג און טראנסקאנא

די קאר וועט בעשטימט דורכגעהן אויף מאגראו עוועניו וועלכע איז די פרינציפאל סטריט פון סאלטליפ פלאץ.

די לאטס אין סאלטליפ פלאץ זיינען 25x142 ד. ה. אנדערהאלבען מאל אזוי לאנג ווי אלע אנדערע לאטס ארום דיזען פלאץ

לאטס פון און ארום סאלטליפ פלאץ ווערען פערקויפט צו 14 און 16 דאלאר א פוס.

### אונזערע פרייזען זיינען נור 250 דאלאר א לאט.

קעש 50 דאלאר און די איבעריגע אויף לייכטעסטע אבצאהלונגען.

יעדער לאט איז גאראנטירט צו זיין טרוקען און הויך און האבען א טארענס טייטעל

מיר האבען נאנצען 75 לאטס און דערום איילט זיך צו און זייט ניט פון יענע וועלכע זאגען אימער, אז ווען איך זאל געווען קויפען א לאט, וואלט איך דאך יעצט רייכער געווען מיט עטליכע הונדערט דאלאר׳. געדענקט אז די וועלכע זאגען אזוי מאכען קיינמאל קיין סוקסעס אין לעבען

מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע פריינד בעקאנטע און אונבעקאנטע אז א דאנק דעם וואס אונזערע ביזנעס זיינען פיעלפאך פערגרעסערט געווא־רען, האבען מיר גענומען אין א גרעסע־רען און בעקוועמערען אפיס.

**געדענקט אז אונזער אפיס איז אין 872 מיין סטריט.**

אין אונזער אפיס ווערען געמאכט אלערהאנד פלאנען פון בלאקס, קאטע־דזשעס, סטארס און מאדערנע הייזער אונטער דער דירעקטער אויפפאסונג פון ח. זאלצמאן וועלכער איז א גרא־דואירטער סיוויל אינזשינער

מיר האבען דעם גרעסטען אויסוואהל פון הייזער און קאטעדזשעס אין וויני־פעג. מיר האבען אויך א גרויסע צאהל קליענטען און ווען איהר גיט אונז איי־ער פראפערטי צום פערקויפען זייט איהר זיכער אז זי וועט פערקויפט ווערען.

**אונזער אינשורענס און מארטגיידזש דעפארטמענט איז אפ טו דייט.**

## SALTZMAN & LIPSHITZ

Office: 872 Main St. | Real Estate and Financial Brokers | Phone St. John 761


# אויפמערקזאם.

## זונטאג, 14טען יולי אום 1.30 נ. מ.

### וועט געלעגט ווערען

# דער ווינקעל שטיין פון

# תלמוד תורה

## אויף קאר. פלארא און טשארלס סט.

די ווינקעל שטיינער וועלען פערקויפט ווערען פער אקשען. 2 טאוולען וועלען הענגען אין האל פון דער נייער תלמוד תורה אויף וועלכע עס וועלען אויסגעקריצט ווערען די נעמען פון די וואס וועלען מנדב זיין 100 דאלאר אין טאג פון לעגען די ווינקעל שטיינער (די 100 דאלאר דארפען איינגעצאהלט ווערען 25 דאלאר קעש און דאס איבעריגע אין 15 מאנאטען). פרעזידענט ראבינסאן, רבי כהנאוויטש און פיעלע אנדערע רעדנער וועלען אנטהייל נעה־מען. די תלמוד תורה קינדער וועלען מארטשען מיט פאראד.

# גרויסע מאססענפערזאמלונג

## און דר. הערצעל מעמאריאל

וועט שטאטפינדען

### זונטאג, דעם 7-טען דזשולי, פונקט אום 2 אוהר נאכמיטאג,

### אין קווינס טהעאטער, סעלקירק עוו.

עס איז די פפליכט פון אלע וויניפעגער אידען בייצוואוהנען דיזע פערזאמלונג צו פייערן דעם אנדענקען פון דעם גרעסטען אידישען קעמפפער און פאטריאט

# דר. טהעאדאר הערצעל

עס וועלען רעדען הרב כהנאוויטש, י. טשערניאק און לאיער קאהן. רעווערענד בשרן וועט מאכען די הזכרה.

אויך וועט אפגעגעבען ווערען א בעריכט פון דעם 12־טען ציוניסטישען קאנווענשאן וואס קומט יעצט פאר אין אטאווא פון אונזער ספעציעלען דעלעגאט, חבר א. אסאווסקי.

קומט אלע צו דיעזען דאפעלטען היסטארישען מיטינג און ברענגט מיט אייער פאמיליע און פריינדע.

חבר שילער וועט זיין טשערמאן.

מיט ציון׳ס גרוס

## בני ציון דוויניפעג

נ. ב. מיר מאכען דיעזען מיטינג ספעציעל אום צוויי אוהר נאכמיטאג אום אייך צו געבען די געלעגנהייט צו קענען פאהרען נאכהער אין פארק.